בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פסח
שנה ב'




כל הזכויות שמורות

## דער ריכטיגע גאולה

### דער סוף צו די קנעכטשאפט

**אין** מסכת ברכות (ד:) ברענגט די גמרא א דעה פון איינער פון די אמוראים, וואס מיר וועלן אצינד גרינטליך אדורכלערנען. עס שטייט דארט אין נאמען פון ר' יוחנן, גאולה מאורתא נמי הוי - די גאולת מצרים איז פארגעקומען אויך ביינאכט. ווייל אינמיטן די נאכט איז פרעה געקומען צו לויפן צו די אידישע קינדער און געשריגן, "צא מתוך עמי - גייט ארויס פון דא!" ער האט געטריבן די אידן ארויסצוגיין פון זיין לאנד - אידישע קינדער זענען געווען פריי צו גיין! און וואס דארף מען מער פון דעם? דאס איז גאולה; דאס איז פרייהייט.

זאגט אבער ר' יוחנן ווייטער: כאטש עס איז געווען א שטיקל גאולה ביינאכט, גאולה מעלייתא לא הויא אלא עד צפרא - די ריכטיגע גאולה איז נישט געווען ביז אינדערפרי ווען די אידן האבן פאקטיש פארלאזט מצרים. נאר אינדערפרי אין דעם פופצנטער טאג פון ניסן ווען דאס אידישע פאלק איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, גאולה מעלייתא; דאס איז ווען זיי זענען באמת אויסגעלייזט געווארן.

לאמיר ערקלערן די צוויי גאולות: די ערשטע, די גאולה ביינאכט, דאס איז 'אויך' א גאולה. דאן איז מען באפרייט געווארן אין דער הינזיכט פון בית עבדים - די אידן זענען געווען פארקנעכטעט אין מצרים צוויי הונדערט און צען יאר און האבן נישט געקענט ארויסגיין. אצינד ענדליך, די טויערן זענען געעפנט געווארן פאר זיי. זיי זענען געווען פריי ארויסצוגיין - דער שעבוד האט זיך געענדיגט.

### פרעה טרייבט ארויס די אידן

**אלזא**, צו פארשטיין דעם באדייט פון ווערן פריי פון קנעכטשאפט, דארפן מיר צוערשט וויסן וואס קנעכטשאפט מיינט. צו זיין א קנעכט מיינט נישט בלויז אז מען ארבעט אן צו ווערן באצאלט. עס נעמט אריין נאך אסאך זאכן. די אידן האבן געליטן פון א ביטערע פארשקלאפונג, ווערנדיג געצוואונגען צו טון אומדערטרעגליכע אויסמאטערנדע ארבעט און ווערן דערנידערט נאכאנאנד. עס איז געווען הארצרייסנד פאר טאטעס און מאמעס צו זען זייערע קינדער ליידן פון ביטער שווערע ארבעט, אויפבויענדיג די טורעם געביידעס פתום ורעמסס - עס איז געווען ארבעט וואס האט צעבראכן די ביינער; עס איז געווען געפערליך. די מצריים האבן געשלאגן אן קיין רחמנות אויב האט מען נישט צוגעשטעלט די פארלאנגטע צאל ציגל, און מיר קענען זיכער זיין אז פיל אידן האבן אונטערגעבראכן אונטער דעם רוט

פון זייערע אויפזעער. דערפאר עסן מיר מרור, די ביטערע גרינצייג, בשעת טרערן רינען פון אונזערע אויגן, זיך צו דערמאנען פון די ביטערקייט וואס אונזערע עלטערן האבן געליטן און פון די טרערן וואס האבן זיך געגאסן פון זייערע אויגן.

צוליב דעם וועט אונזער דאנק צום באשעפער אויף די אויסלייזונג פון די ביטערע קנעכטשאפט קיינמאל נישט אפגעשטעלט ווערן, וואס דערפאר דערמאנען מיר דאס שטענדיג - יעדן טאג, מער ווי איין מאל. און ביים סדר נאכט צייכענען מיר אפ דער מאמענט ווען פרעה איז געלאפן אויף די אידישע גאסן פראבירנדיג ארויסצוטרייבן די אידן! אין יעדן דור דערמאנען מיר מיט גרויס שמחה, באגלייט מיט הלל, וואס דער באשעפער האט אונז געטון. די שטארקע האנט פון דעם באשעפער האט זיך אראפגעלאזט צו שלאגן מצרים אין יענע נאכט, דאס איז עפעס וואס מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן. מיר זענען געווארן פריי!

און דאך, ווי פרייליך מיר זענען, זאגט די גמרא אז גאולה מעלייתא לא הויא - די גאולה וואס איז פארגעקומען אינמיטן די נאכט איז נישט געווען די אמת׳ע גאולה. ריכטיג, זיי זענען געווען פריי צו גיין, **אבער זיי זענען נאכנישט ארויס. עס** האט געפעלט א וויכטיגער טייל, דער צווייטער חלק, פון די גאולה. דערפאר ווערט דאס נישט אנגערופן גאולה מעלייתא - עס איז נאכנישט געווען די ריכטיגע גאולה. נאר אינדערפרי, ווען זיי האבן ארויסגעשפאנט פון די גרעניצן פון מצרים, דאן האבן זיי זוכה געווען צו די שלימות׳דיגע גאולה.

## א פארגעשריטענע לאנד

**מיר** קענען דאס פארשטיין אזוי: מצרים איז נישט געווען סתם א גוי׳ישע לאנד אזוי ווי ארץ כנען. אין כנען זענען די איינוואוינער געווען פארמערס, זייער פשוט׳ע מענטשן. עס זענען נישט געווען דארט קיין ריזיגע שטעט און גרויסע בנינים און זיי האבן נישט אנטוויקלט קיין שום ספעציעלער קאלטור.

מצרים איז אבער געווען עפעס אנדערש. דארט האבן זיך די מענטשן אהערגעשטעלט אויף א העכערן שטאנד. דאס איז געווען די מערסטע פארגעשריטענע לאנד אין יענע צייטן. עס איז געווען א הערליכע און פרוכטבארער לאנד מיט ריזיגע אנטוויקלטע שטעט. עס זענען געווען דארט הערליכע פאלאצן, דעקארירטע געבעט הייזער און פרעכטיגע טורעמס. אויך איז דארט געווען א מעכטיגער קעניג וואס האט געהערשט איבער א גרויסע פאראייניגטע פאלק. די גויים דארט זענען געווען זייער רייך און האבן געהאט א שטארקן כח.

## צווישן די גויים

**מיינט** נישט אז דאס איז אוועקצומאכן. איר דארפט זיך פארשטעלן וואס דאס האט געמיינט - דא איז דא א פאלק פון פאסטוכער, ווי די אידן האבן זיך פאררופן, וואס לעבן אין צענטער פון די מערסטע פארגעשריטענע קאלטוריזירטע מענטשן אין א פאצייטישע וועלט. וואו דער איד האט זיך געדרייט, האט ער זיך געפונען צווישן שיין באקליידעטע מצריים, אריסטאקראטן און סאלדאטן וואס רייטן אויף שטארקע באפוצטע פערד. איך בין זיכער אז פיל פון די אידן האבן ארויפגעקוקט אויף זייערע רייכע און מאכטפולע הערן. די מצריים זענען געווען געלערנטע מענטשן, אין די צייט וואס די אידן זענען בלויז געווען א דארפיש פאלק.

די אידן האבן זיך נישט געלערנט קיין שטערן-זעעריי אדער מאטעמאטיק. זיי זענען נאר געלערנט געווארן צו דינען דעם באשעפער און אויסארבעטן די מידות. זיי האבן זיך געלערנט פיל וויכטיגערע זאכן, וואס די גויים טראכטן אינגאנצן נישט פון דעם, אבער זיי האבן נישט געהאט קיין מאטריאליסטישע דערגרייכונגען, וואס דאס איז גורם אז די שוואכערע מענטשן זאלן ארויפקוקן אויף די וואס האבן עס יא און מקנא זיין און דאס ערגסטע פון אלעם, זיך צו אסימילירן מיט זייערע געדאנקען און אנשויאונגען. און אזוי האט דאס אידישע פאלק זיך געווארפן אהין און צוריק מיט זייערע נסיונות, זייענדיג ארומגענומען מיט דער גרויסהאלטערישער קאלטור פון די מצריים. עס איז קיין ספק נישט אז דאס איז געווען א שווערע עבודה - די טעגליכע שוועריקייטן פון אויסרייסן די שעדליכע השפעות וואס האבן באדראעט צו אריינדרינגען אין זייערע געדאנקען.

און דערפאר, אפילו אויב פרעה טוט אונז באפרייען, אפילו אויב מיר קענען טון וואס מיר ווילן און לעבן אונזער אייגן לעבן, אבער אויב געפינסטו זיך נאך אין מצרים צווישן די גויים, דאן לעבסטו מיט א גוי׳ישער קאלטור - גוי׳ישע אונטערהאלטונגען, גוי׳ישער חינוך און גוי׳ישער מהות. עס איז א לאנד פון מצרי׳שע חכמים, חרטומים און גלחים מיט א גוי׳ישער גלויבן; א פארגעשריטענע לאנד מיט א קעניג אין זיין פאלאץ און ארומגענומען מיט זיינע שרים און א גרויסע ארמיי - צו זיין פריי צווישן זיי איז אויך א סארט קנעכטשאפט. און דערפאר, אפילו עס איז געווען גאולה מאורתא נמי הוי, כאטש עס איז פארגעקומען א שטיקל גאולה אינמיטן די נאכט, אבער די גאולה מעלייתא, די ריכטיגע גאולה, איז נאר געווען אינדערפרי ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען און זיך אפגעשיידט גענצליך פון די מצריים.

## דער שעבוד און די לאנד

**ווען** דער באשעפער האט גערעדט צו די אידן ביים בארג סיני, האט ער זיך פארגעשטעלט ווי פאלגנד: ״איך בין דער באשעפער וואס האט אייך ארויסגענומען פון לאנד מצרים, פון הויז פון קנעכטשאפט״ (שמות כ:ב). צוויי באזונדערע פונקטן ווערן דא געזאגט: ״פון לאנד מצרים״ און ״פון הויז פון קנעכטשאפט.״ זעען מיר דא אז עס איז געווען צוויי באזונדערע ענינים; איינע איז אז איך האב דיר ארויסגענומען פון בית עבדים, פון קנעכטשאפט, אבער די ערשטע און וויכטיגסטע נקודה איז ״איך האב דיר ארויסגענומען פון דאס לאנד מצרים.״

דאס לערנט אונז אז כאטש מיר דארפן אפגעבן א גרויסן דאנק צום באשעפער אויף דעם וואס ער האט אונז ארויסגענומען פון דעם בית עבדים וואו מיר האבן שרעקליך געליטן און דורכגעמאכט לאנגע יארן פון עבודת הפרך, דארפן מיר אבער וויסן אז עס איז דא נאך א סארט קנעכטשאפט וואס קומט ארויס פון דעם וואס מען ארבעט אלס קנעכט אין א גוי׳ישע לאנד, און דאס איז א גרעסערע סכנה ווי קערפערליכע קנעכטשאפט. עס איז א פארשקלאפונג אין קאפ! א איד וואס לעבט צווישן גויים איז נישט קיין פרייער מענטש צו טראכטן ווי אזוי ער וואלט געוואלט - ער איז נישט פריי ווי עס דאכט זיך אים און דאס איז א שעבוד וואס פאדערט זייער א גרויסע גאולה. מיר וועלן נעמען אביסל צייט דאס צו ערקלערן דא.

## די לאָך אין אויער

**די** גמרא אין קידושין (כב:) לערנט אונז וועגן אן עבד עברי, א אידישער קנעכט. מיר רעדן נישט פון אן עבד כנעני; אן עבד עברי איז נישט קיין אמת׳ער עבד. שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד - ער איז א קנעכט נאר פאר זעקס יאר און דערנאך גייט ער אטאמאטיש ארויס פריי.

ווען עס קומט אבער ביים סוף פון די זעקס יאר און דער קנעכט זאגט, "איך וויל נישט ארויסגיין. איך האב ליב צו זיין דא. אָהַבְתִּי אֶת אֲדֹנִי - איך האב ליב מיין הער." ווארשיינליך באהאנדלט אים דער הער גוט און ער איז נישט אינטערעסירט צו ארויסגיין פריי.

וואס הייסט דער באשעפער? מען זאל אים באשטראפן. אזוי שטייט ווייטער, וְהִגִּישׁוֹ אֶל הַדֶּלֶת אוֹ אֶל הַמְּזוּזָה - דער האר דארף אים נעמען צו די טיר אדער ביים שוועל פון טיר וְרָצַע אֲדֹנָיו אֶת אָזְנוֹ בַּמַּרְצֵעַ - און זיין האר דארף אים דורכלעכערן דעם ווייכן טייל פון די אויער.

שטייט אזוי דער האר און בויערט אדורך דעם קנעכט'ס אויער, עס טוט אים וויי, און דער קנעכט טראכט, 'דאס באצאלסטו מיר פאר מיין געטריישאפט צו דיר?! דאס איז וואס קומט מיר אויף מיין ליבשאפט וואס איך האב אויסגעדריקט צו דיר? אזוי דארף אן עבד נאמן ווערן באלוינט?'

## א פאסיגע באלוינונג

**וואס** איז טאקע דער טעם צו די הלכה? עס זעט אויס ווי דער עבד האט זייער א גוטע טענה. איז דאס טאקע א בארעכטיגטע 'באלוינונג' פאר אן עבד וואס איז געטריי צו זיין האר? זאגן אונז די חז"ל אז יא, ווייל עס איז דא א האר וואס איז העכער ווי דער האר. דער באשעפער איז דער אמת'ער האר און מיר דארפן אלע זיין געטריי צו זיין דינסט. כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם - אידישע קינדער זענען מיינע קנעכט, וְלֹא עֲבָדִים לַעֲבָדִים - ער האט נישט קיין רעכט צו זיין א קנעכט פאר א צווייטן. ווייל ווער איז בכלל דער מענטשליכער האר? ער איז אויך א קנעכט. קומט אויס אז דער עבד עברי מאכט זיך פאר א קנעכט צו איינעם אנדערש וואס איז אויך מיין קנעכט, טענה'ט דער באשעפער.

ביים סוף פון די זעקס איז די טיר געעפנט געווארן פאר דעם עבד עברי. דער האר האט געזאגט, "די טיר איז אפן; גיי." אבער ער האט נישט געוואלט ארויסגיין. אויף די צווייטע זייט פון טיר האט אים אפגעווארט די דינסט פון דעם אמת'ן אדון, דער באשעפער, אבער ער וועלט אויס צו פארבלייבן אינעווייניג און זיין אונטערגעווארפן צום דינסט פון א מענטשליכער האר. דערפאר שטעלט מען אים ביים שוועל פון טיר און מ'מאכט אים א לאך אין אויער. "דו האסט זיך געדארפט בעסער צוהערן," זאגט דער באשעפער צו אים בשעת דער בורער בויערט דורך זיין אויער, "דו האסט נישט גוט אויסגעהערט ווען ביים בארג סיני האב איך געזאגט, כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם - זיי זענען מיינע קנעכט' און דו האסט דאס נישט דערהערט, איז דאס וואס מען וויל דיר אצינד אויסלערנען."

## עס איז דא נאר איין האר

**ווערט** איר פרעגן, פארוואס אויב דער קנעכט וויל בלייבן ביי זיין האר איז עס א סתירה מיט זיין ליבשאפט צו דעם גרויסן האר פון די וועלט? דאס איז זייער א גוטע שאלה, ווייל סוף כל סוף איז דאך דער עבד עברי א קנעכט ביי אן ערליכן איד; זיין האר איז א שומר תורה ומצוות. אין יענע תקופה האט יעדער איד געהיט די תורה. אפילו אן עבד כנעני וואס האט געדינט ביי א איד האט געהיטן שבת און אן עבד עברי אודאי! ער האט געלעבט אין א כשר'ע הויז, וואס איז געווען פיל מער אידיש ווי אסאך הייניגע אידישע שטיבער. איז וואס איז שלעכט מיט'ן זיין אן עבד ביי אן ערליכן איד? וואס איז די גרויסע עוולה וואס ער האט געטון ווען ער האט געזאגט 'אהבתי את אדני', אז ער האט ליב זיין האר און אז ער וויל בלייבן ארבעטן אין זיין הויז?

דער ענטפער איז אז ער דארף אריינהאמערן אין זיין קאפ אז עס איז נישטא קיין שום אנדערער האר

אויסער דער באשעפער. ער איז דער איינציגסטער האר וואס דו זאלסט ליב האבן און דיין אויפגאבע אין לעבן איז צו דינען נאר צו אים! אהבתי את אדני?! דו האסט ליב דיין האר און דו ווילסט פארבלייבן אין זיין הויז און אים דינען? אה ניין! דו דארפסט וויסן אז דאס איז א שרעקליכער טעות. דו האסט נישט קיין תפקיד אים צו דינען, ׳כי לי בני ישראל עבדים׳.

## קנעכטשאפט פון 9 ביז 5

**קען** מען זאגן אז אייגנטליך ביי יעדע סארט ארבעט וואס מ׳ארבעט ביי א בעל הבית, אפילו אויב מ׳ווערט נישט פארקויפט אלס אן עבד עברי, נעמט מען דאך איבער זיך א האר.

דער אמת איז, עס איז טאקע נישט פשוט. דאס איז שוין א שאלה אין תוספות (בבא מציעא י.), טאקע צוליב דעם פסוק פון ׳עבדי הם - ולא עבדים לעבדים׳, אויב עס איז מותר צו ארבעטן ביי א בעל הבית כדי צו מפרנס זיין די ווייב און קינדער. תוספות פארברייטערט דארט דער ענין און דערנאך ווערט אויסגעפירט מיט דער פסק הלכה אז יא, עס איז מותר. איר הערט דאס? עס איז א חידוש! עס איז מותר צו ארבעטן פאר א בעל הבית כדי צו קענען מפרנס זיין די ווייב - ווילאנג דו פארקויפסט זיך נישט. וואס קענסטו טון? דו האסט נישט קיין ברירה. דו דארפסט שפייזן דיין פאמיליע, דערפאר פארקויפסטו זיך פאר איינעם פון ניין ביז פינף יעדן טאג. אויב קענסטו ארבעטן פאר זיך, אשריך - דו האסט נישט קיין בעל הבית. אבער אויב נישט, וועסטו זיך מוזן פארלאזן אויף א היתה, א קולא, און דו מעגסט ארבעטן אויך פאר א בעל הבית.

אבער אויב דו פארקויפסט זיך פאר זעקס יאר אזוי ווי אן עבד עברי, מיט דעם איז דער באשעפער נישט אזוי צופרידן ווייל דאס איז שוין מער א שעבוד ווי א 9-5 ארבעט. און דערנאך, ווען עס ענדיגט זיך די זעקס יאר און די טיר איז אפן און דו ווילסט אויס צו פארבלייבן, אה ניין, דאס איז שוין א גרויסע עוולה. דאס מיינט אז דו האסט זיך נישט גוט צוגעהערט. דו האסט נישט דערהערט אז דער באשעפער האט אונז אויסדערוועלט אלס זיין ספעציעלע פאלק. בָּנִים אַתֶּם לה׳ אֱלֹקֵיכֶם. דער באשעפער זאגט, בָּנַי הֵם - זיי זענען מיינע קינדער. ווי מ׳זעט אויך, משה רבינו געבט איבער פאר פרעה אין נאמען פון באשעפער, שַׁלַּח אֶת עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי - שיק ארויס ׳מיין פאלק׳ און זיי זאלן מיר דינען. און אז מען דערהערט נישט אט די רייד, דארף מען דאס ארייגבויערן אין אויער און אין קאפ, אז מיר האבן נאר איין אמת׳ער האר אויף די וועלט.

## פארקנעכטעט אויף שטענדיג

**דער** עבד עברי, אפילו ווען ער וועלט אויס צו פארבלייבן ביי זיין האר און ער ווערט דערפאר וַעֲבָדוֹ לְעֹלָם - א קנעכט אויף אייביג, איז דאס אויך נאר ביז דעם קומענדיגן יובל. דאס קען אמאל זיין א לאנגע צייט - כמעט פופציג יאר - אבער דאך, ווען עס קומט יובל דאן ווערט ער באפרייט, צי ער וויל צי נישט.

אנדערש איז מיט אן עבד כנעני, ער פארבלייבט א קנעכט אויף שטענדיג. דאס איז וואס די בני ישראל זענען געווען אין מצרים - זיי זענען געווען אמת׳ע קנעכט, פאר צוויי הונדערט און צען יאר. די קינדער זענען דארט געבוירן געווארן אלס קנעכט און זיי האבן נישט געזען קיין וועג ארויס; קיין שום האפענונג. עס האט אויסגעזען אז אזוי וועט עס בלייבן אויף שטענדיג - פאר פיל אידן איז דאס טאקע געווען אויף אייביג; די וועלכע זענען געבוירן געווארן און אויך געשטארבן אין גלות מצרים. זיי האבן געלעבט זייער גאנץ לעבן אלס קנעכט אונטער די מצריים.

## די מהלך המחשבה פונעם בעה"ב

**איז** וואס פאסירט מיט אזא לאנגיעריגע קנעכטשאפט? נאך א שטיק צייט ווערט מען פארשקלאפט אין קאפ. ווען דו ארבעטסט ביי איינעם, דארפסטו וויסן אז נישט נאר דיין קערפער איז אריינגעטון אין זיין דינסט נאר אויך דיין מח. דו ביסט משעבוד. דער שורש פון די ווארט משעבוד איז עבד. דיין מח ווערט אויך פארקנעכטעט צו יענער מענטש.

דו וועסט עס אפשר נישט איינזען. עס קען זיך דיר דאכטן אז דו האסט נישט קיין שום פארבינדונג מיט אים אין מח: "איך ארבעט נאר פאר אים." אבער אויב דו פארברענגסט א שטיק צייט ביי יענעם, וועסטו פון אים קונה זיין דיין מהלך המחשבה. יענער פאבריצירט די סביבה. דער ארט וואו דו ארבעטסט, וואו דו פארברענגסט דיין צייט, האט א השפעה אויף דיר. און אפילו אויב דו ווילסט זיך קעגנשטעלן קעגן זיינע געדאנקען - עס געפעלט דיר נישט זיינע אנשויאונגען, דו ווילסט טראכטן זעלבסטשטענדיג - פונדעסטוועגן זאלסטו וויסן אז ער איז נאכאנאנד משפיע אויף דיין מח.

אלזא, ווען דער באשעפער האט געזאגט 'עבדי הם - ולא עבדים לעובדים - זיי זענען קנעכט נאר צו מיר', האט ער געזאגט: "זייער מח זאל טראכטן נאר לויט מיין רצון." דו טארסט נישט ווערן פארקויפט צו סיי וועלכער אנדערער גייסט!

## פריי אבער נאכאלץ א קנעכט

"**דאס** איז אונזער נושא וואס מיר ווילן דא ארומרעדן - צו פארשטיין אז א פארשקלאפונג אין מח איז די גרעסטע סארט עבדות. עס איז נישטא נאך אזא שרעקליכע קנעכטשאפט ווי א גייסטישע קנעכטשאפט. דערפאר, אפילו ווען פרעה האט אויסגערופן אין יענע נאכט, "גייט ארויס פון מיין לאנד," זענען די אידן נאכנישט פטור געווארן פון מצרים. כאטש זיי זענען מער נישט געווען קיין קנעכט, **אבער זיי זענען נאך געווען דארט ביי די מצריים.**

דערפון לערנען מיר אז אויך ווען דו ביסט מער נישט פארשקלאפט, אבער דו דרייסט זיך נאך ארום צווישן די גויים, ביסטו נאך פארקנעכטעט אונטער זיי! אפילו אויב דו וואוינסט דארט צוליב אן אייגענע סיבה; נישט ווייל דו האסט סיי וואספארא פליכטן צו זיי, ביסטו נאך אלץ א קנעכט אונטער זיי. קען זיין אז דו ביסט א פרייער מענטש אזוי ווי די אידן זענען געווען פון חצות הלילה ביז אינדערפרי. זיי זענען געווען פריי! אבער אויך דאן ווערט עס אנגערופן קנעכטשאפט. אודאי איז עס נישט אזוי אונטערדריקנד; עס איז נישט קיין שטרענגע פארשקלאפונג ווי פריער, זיי האבן אפילו רשות ארויסצוגיין, אבער ווילאנג זיי פארבלייבן נאך אין מצרים, אין דאס לאנד וואס איז פול מיט טומאה, זענען זיי נאך אונטער די השפעה פון דעם גייסט און קאלטור פון מצרים. מען דארף ארויסגיין פון מצרים, פארלאזן דאס לאנד אינגאנצן, עס זאל גערופן ווערן א גאולה מעלייתא, א גענצליכע אויסלייזונג.

## אנטציקט פון מאכט

**מיר** וועלן מער פארברייטערן איבער דעם צו פארשטיין ווי באדייטנד די נקודה איז און צו שטרעבן צו א ריכטיגע גאולה.

ווען מענטשן ווייזן ארויס כח און מאכט איבער אנדערע, ווערן זיי ארויפגעקוקט דורך די וואס זענען שוואכער ווי זיי. די גמרא זאגט (עבודה זרה נד.) אז ווען די גוים זענען גוזר גזירות אויף אידן און באצווינגען

זיי קענן זייער ווילן צו דינען עבודה זרה, דאן אפילו יעדער טוט דאס קעגן זייער רצון, איז שטענדיג דא ווער עס טוט עס יא ברצון. די גמרא זאגט אז עס קען נישט זיין אז כאטש איין מענטש זאל דאס נישט טון מיט זיין ווילן.

פארוואס נישט? למעשה ווערן זיי דאך געצווינגען דערצו?! ערקלערט רש״י, אז ווייל ווען א מענטש זעט די מאכט פון די גויים טראכט ער אז זיי זענען גערעכט. דאס מיינט נישט אז אלע טראכטן אזוי, אבער דאס איז דער דרך פונעם מח, אז ווען מען זעט די מאכט פון די גויים, דאן קען אפילו דער וואס איז זייער קרבן קלערן אז זיי זענען גערעכט. דאס איז די שוואכקייט פון דער מח, א פאקט אין נאטור. ווען איינער איז שטארק אדער רייך, קוקן מיר ארויף אויף אים און נעמען אן זיינע מיינונגען.

אט אזוי איז געווען ווען אידישע קינדער האבן זיך געפונען אין מצרים, זייענדיג פארקנעכטעט אונטער זיי, זענען זיי קעגן זייער ווילן געווארן באאיינפלוסט דורך זייערע הערן. ׳זעט ווי רייך זיי זענען! מיר זענען גארנישט!׳ עס איז נאטורליך פאר נידריגע מענטשן זיך צו אוועקמאכן. ווער זענען מיר? מיר זענען גארנישט. מיר האבן נישט קיין קאלטור. מיר זענען פשוט׳ע מענטשן וואס זענען געקומען פון ארץ כנען. מיר האבן נישט די רייכקייט וואס זיי האבן. קוק אויף זייערע אריסטאקראטישע קליידונג וואס זיי טראגן אלע אויף זיך. קוק אויף זייערע גרויסע בנינים וואס זיי פארמאגן. און דערצו זענען מיר זייערע קנעכט. מיר זענען אפילו נישט קיין פרייע מענטשן.

אזוי האבן זיי ארויפגעקוקט אויף די מצריים. ווען א מצרי האט שפאצירט אויפ׳ן גאס, האט א איד זיך געדארפט אפרוקן פאר אים. א איד האט נישט געטארט גיין זייט ביי זייט מיט א מצרי. מיט די צייט האט מען זיי טאקע אנגעהויבן צו באטראכטן אלס חשוב׳ערע מענטשן. און דאס איז די גרעסטע סכנה. ווי נאר מען ווערט פארקנעכטעט אין מח, פארלירט מען אלע אייגענע פרינציפטן.

דערפאר, ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, איז דאס געווען א גאולה נישט נאר בגוף, עס איז אויך געווען א גאולה פאר׳ן מח, און דאס איז דער עיקר, ווייל א מענטש איז א צאמשטעל פון א מח און א קערפער. וואס איז וויכטיגער, דער מח אדער דער קערפער? זיכער דער מח איז וויכטיגער. אויב דער קערפער איז פארשקלאפט אבער נישט דער מח, איז ער כאטש גייסטיש א פרייער מענטש. אבער אויב דער מח איז פארקנעכטעט, דאן איז ער באמת פארשקלאפט.

## דער צוזאמפאל פון אידישקייט אין אייראפע

**דאס** איז וואס האט פאסירט יארן שפעטער אין אייראפע. אייראפעאישע אידישקייט איז צאמגעפאלן, ווען די אידן האבן אנגעהויבן צו שעצן די גוי׳ישע אנשויאונגען. פאר די ערשטע וועלט מלחמה, האט א פרייער איד זיגמונד פרויד פון ווין זיך אויסגעדריקט אז יעדער אידישער יונגער מענטש אין ווין באטראכט זיך אלס א ריכטיגער דייטש. ער האט זיך אינגאנצן נישט באטראכט אלס א איד. ער איז געווען אזוי שטאלץ מיט דער דויטשער קאלטור און ווען דאס האט פאסירט, איז דאס געווען ריכטיגע קנעכטשאפט.

## א קנעכט פארן גאסט געבער

**וואס** טוסטו ווען דו ביסט צוגאסט ביי א צווייטן און דער גאסטגעבער זאגט נאך א וויץ? דו לאכסט פון זיינע וויצן. נישט אזוי? אלע אנוועזנדע ביים טיש לאכן פון די וויצן. אויב וואלט דאס געווען אויפ׳ן גאס, נישט זיצנדיג ביים טיש, וואלטסטו געקענט בלייבן גאנץ טרוקן הערנדיג זיין וויץ, אפשר וואלטסט

דאס אפילו קריטיקירט. אבער ווען דו זיצט ביי יענעמ'ס טיש, ביסטו אין זיינע הענט. דו עסט זיינע עסן, ביסטו פארקנעכטעט צו אים. דיין מח איז נישט פריי צו טראכטן זעלבסטשטענדיג.

אויך ווען דיין גאסטגעבער וועט זאגן א ווארט אויף די פרשה וועסטו דאס שעצן. "אה אה, דאס איז א שיינער פשט," וועסטו רעאגירן. אויב וואלטסטו די זעלבע ווארט געהערט פון א צווייטן, וואלטסטו מעגליך אנדערש געענטפערט, "דער פשט שטימט נישט," אדער "ווי אזוי ווייסטו אז דאס איז ריכטיג?" אבער ביי דיין גאסטגעבער'ס טיש איז דאס גוט. ווען דיין גאסטגעבער זינגט זמירות שבת, שעצטו דאס אויך. קען זיין אז זיין קול איז אביסל קריצעדיג און זיין ניגון איז עטוואס מאנאטאניש, אבער ווייל דו ביסט זיין גאסט, איז אלעס הערליך אין דיינע אויגן.

בשעת איר זיפט ביידע פון די בראנפן און איר ווינטשט זיך לחיים, און ער זאגט דיר איבער זיינע אלטע תורה ווערטער ווינצן וואס ער האט דאס שוין איבערגעקייט פאר אלע זיינע געסט פאר דיר, ער געבט ארויס זיינע פארזשאווערטע חכמות וואס ער האט שוין איבערגע'חזר'ט אן א שיעור מאל, ביסטו אויך זיין קנעכט. דו האסט פארלוירן דיין פרייער ווילן - וואס קענסטו טון? דו טוסט צושטימען און באשטעטיגן צו אלעם וואס ער זאגט. ווייל צו עסן ביי א צווייטן'ס טיש איז א מסוכן'דיגער אופן פון עבדות.

## קנעכטשאפט היינט

**און** דאס ברענגט אונז צו די זייער טרויעריגע פירצה פון זיצן ביי איין טיש מיט גויים. דאס האט פאסירט אין מצרים און דאס פאסירט אויך היינט. מיר וואוינען אין די לענדער פון די אומות העולם און עס פאסירט ליידער ווען מען פארברענגט מיט זיי, מען לאכט פון זייערע וויצן און מען צייגט ארויס באשטעטיגונג צו זייערע פירונגען.

ווען אידן גייען אין גלות - גלות, דארפט איר וויסן, מיינט נישט נאר אונטער גויים ממש, ווי אין אמעריקע. גלות מיינט פונקט אזוי תל אביב. און תל אביב איז פונקט די זעלבע ווי פאריז אדער שיקאגא - עס איז קיין שום חילוק. מאכט נישט קיין טעות, נישט די געאגראפישע ארט מאכט דעם חילוק. די שאלה איז, ביי וועמען'ס טיש עסטו? אין תל אביב איז דאס ביים טיש פון ציוני'סטן און זיי זענען פונקט אזוי שלעכט ווי סיי וועלכער גוי'ישע פאלק. דאס לעבן צווישן זינדיגע מענטש; סיי זינדיגע אידן אדער נישט-אידן, ברענגט דאס צו אנהייבן טראכטן אזוי ווי זיי. מיר זענען אין זייער לאנד, מיר זענען אין זייער סביבה, זענען מיר סומכין על שולחן אחרים. און וויבאלד מיר געפינען זיך ביי זייער טיש, האבן מיר נישט אונזער אייגענער מח און דאס איז א גרויסע סכנה, דאס איז דער גרעסטער גורם צו אסימילאציע אין קאפ.

## אנטציקט פון אמעריקע

**איך** געדענק נאך ווען מענטשן זענען אין אנהייב געקומען קיין אמעריקע, אין די פריע ניינצן יאר הונדערט (למספרם). איך בין דאן געווען גאר יונג, אבער איך האב געזען וואס עס פאסירט, וואס עס קומט פאר. אידן זענען געקומען פון קליינע שטעטלעך אין אייראפע וואו זיי האבן נישט געהאט קיין קארס. געוויסע אידן האבן בכלל נישט געזען קיין אויטאמאבילן 'אינדערהיים' און אצינד האבן זיי דאס באגעגנט צום ערשטן מאל אין זייער לעבן! עס איז נישט געווען די ריכטיגע היינטיגע אויטאמאבילן - די וואס געדענקען די אלטע 'פארדס', די 'פליווערס', זיי זענען געווען ווייט פון קענען גערופן ווערן

אן אויטאמאביל, אבער זיי זענען געווען אזוי אינטערעסאנט פאר די נייע געקומענע אידן און זיי זענען געווארן גאר שטארק איבערגענומען דערפון.

זיי זענען געקומען און געזען עלעקטרישע באלייכטערס. זיי האבן דאס קיינמאל נישט געזען פריער. אה אה! גאס לעקטערס! איך בין געווען א קליין קינד, איך בין געבוירן געווארן אין אמעריקע, אבער איך האב זיך געפונען אין געזעלשאפט פון די אייראפעאישע אידן - באלטימאר איז דאן געווען באוואוינט כמעט נאר מיט אייראפעאישע אידן. די גאס לעקטערס פון די געשעפטן האבן זיך אנגעצונדן און אויסגעלאשן, אנגעצונדן און אויסגעלאשן. אאאאה, וואס איז דאס? אמעריקע, אה געוואלדיגע ארט! אמעריקע! זיי זענען געווארן משוגע פאר אמעריקע. די גאסן זענען פול מיט געשעפטן! מען קען דא אלעס קויפן. אלעס איז דא צו באקומען דא. און נאכמער פון אלעם, דו ביסט א פרייער מענטש אין דעם לאנד - אזוי האבן זיי געמיינט; זיי האבן געמיינט אז זיי זענען פריי.

אלע זאכן אין אמעריקע, אלע פארדינסטן, ארייננגערעכנט פרייהייט, האט אזוי פארשקלאפט זייער מהלך המחשבה אז זיי האבן נישט געהאט די מעגליכקייט זיך צו קעגנשטעלן. זיי האבן מער נישט געקענט טראכטן ווי אידן. די רייכקייט אין אמעריקע האט אזוי איבערגענומען די מענטשן וואס זענען געקומען פון קליינע שטעטלעך אין אייראפע; זיי זענען געווען צוגעוואוינט צו די צוריקגעבליבנקייט פון דאס לעבן אין פוילן, גאליציע, ליטא - וואס דארט איז נישט געווען קיין שום פארגעשריטנקייט - אזוי אז זיי זענען געווארן זייער אנטציקט פון אמעריקע און זיי, זייער פערזענליכקייט, איז תיכף געווארן צאמגעבראכן. אלע זייערע פרינציפטן זענען צאמגעפאלן. זיי האבן פארגעסן אלעס וואס זיי האבן אמאל געלערנט, זיי זענען גלייך געווארן אסימילירט מיט די סביבה.

## אייגנארטיג אין מצרים

**אין** מצרים האט דאס נישט פאסירט אזוי גרינג; זיי זענען נישט ממש צאמגעפאלן. אפילו זיי זענען געווען פארשקלאפט אין מצרים, האבן אונזערע עלטערן זיך צוריקגעשלאגן. פאר א לאנגע צייט האבן זיי זיך קעגנגעשטעלט די השפעות פון מצרים: לא שינו את לשונם. זיי האבן נישט געטוישט זייער שפראך. דאס איז געוואלדיג! דאגען געדענק איך ווי מערסטנס אייראפעאישע אידן ווען זיי זענען געקומען קיין אמעריקע האבן זיי זיך באלד גענומען רעדן ענגליש, ווי נאר זיי האבן זיך אויסגעלערנט די שפראך - עס איז געווען א צעבראכענער ענגליש מיט אן אקצענט, אבי זיי האבן גערעדט גוי׳יש. און זייערע קינדער האבן שוין גלייך גערעדט ענגליש און אינגאנצן פארגעסן פון אידיש.

אבער פאר צוויי הונדערט און צען יאר - און דאס איז א לאנגע תקופה - האבן אונזערע עלטערן אין מצרים אנגעהאלטן מיט׳ן רעדן זייער אייגענע שפראך. זיי האבן זיך געהאלטן פעסט. אלע אידן האבן גערעדט אן אייגנארטיגע שפראך, וואס דאס איז געווען א וואונדערליכע זאך. זיי זענען געווען קנעכט און די מצריים האבן נישט גערעדט צו זיי אין לשון הקודש. אויב זייער האר האט זיי געפרעגט עפעס האבן זיי געדארפט ענטפערן און דאס האט געדארפט זיין אין מצרי׳ש, אבער צווישן זיך האבן זיי גערעדט אין לשון הקודש.

כאטש וואס טייל פון זיי האבן זיך געמוזט לערנען מצרי׳שע ווייסנשאפטן - זיי האבן געדארפט קענען טון די ארבעט וואס זייער האר האט ארויפגעלייגט אויף זיי, ווי צום ביישפיל שמעלצן גאלד, בויען בנינים, אדער סיי וועלכע אנדערע ספעציעלער פאך און דאס האבן זיי געדארפט לערנען אין מצרי׳ש. אבער דאך האבן זיי אנגעהאלטן זייער אייגענע שפראך.

## שטאלצע אידן

**לא שינו** את לשונם. אינדערהיים ווען א מאמע האט געהערט א קינד זאגן עפעס אין מצרי׳ש, האט זי אויפגעמערקט, "ניין מיין קינד, מיר זענען חשוב. מיר זענען קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב. מיר דארפן רעדן די שפראך פון אונזערע עלטערן." אזוי האבן זיי אלע גערעדט אין לשון הקודש. ווי געוואלדיג איז דאס! צוויי הונדערט און צען יאר אין מצרים און דאך איז געווען לא שינו את לשונם, זיי האבן נישט געטוישט זייער שפראך.

ווי אנדערש איז ליידער דער מצב אין אמעריקע. אויב זיצט איר אויף א שטאטישע באס און איר ווילט רעדן צו איינעם אין אידיש, וועט איר רעדן שטיל. מען שעמט זיך, אז אנדערע זאלן נישט הערן אז מ׳רעדט אין אידיש. אן איטאליענער זיצט דארט נעבן זיין פריינד און רעדט הויעך אין איטאליעניש. ער שעמט זיך נישט. דאס זעלבע אויך מיט דעם פאטריקאנער. נאר די אידן שעמען זיך צו רעדן אידיש.

חס ושלום, א איד דארף זיין שטאלץ מיט זיין שפראך, אזוי ווי אונזערע עלטערן זענען געווען שטאלץ און האבן גערעדט לשון הקודש אין מצרים.

## די הערליכע נעמען

**אויך** שטייט, שלא שינו שמם - זיי האבן נישט געטוישט זייערע נעמען. דאס איז אויך א מורא׳דיגע זאך. צי געדענקט איר נישט דעם דור אין אמעריקע פון אמאל? אין די ערשטע צייטן וואס אידן האבן דא געוואוינט, האט יעדער געהייסן ׳מאריס׳, ׳אירווינג׳ אדער ׳היימאן׳. די פרויען האבן זיך גערופן ׳פעני׳ און ׳גירטי׳. מען האט נישט געהערט רופן קיין אידישע נעמען. אפילו די וואס האבן גערעדט אידיש האבן געזאגט: "מאריס, קום אהער." זייערע אידישע נעמען זענען גלייך אפגעמעקט געווארן ווען זיי זענען אנגעקומען קיין אמעריקע. און דאס האט פאסירט אין איין וואך - אפילו ווייניגער ווי א וואך - בשעת אין מצרים האט זיך דער גלות געצויגן צוויי הונדערט און צען יאר און נאך אלץ זענען זיי גערופן געווארן שלומיאל בן צורישדי און גמליאל בן פדהצור; הייליגע אידישע נעמען. די שענסטע נעמען וואס מען קען טרעפן.

דאס איז א פאקט וואס די תורה זאגט עדות. אז מען קוקט אריין אין די נעמען פון די אידן אין מצרים וועט מען זען אז יעדער איינציגסטער נאמען איז געווען אויף לשון הקודש. א מערקווירדיגע זאך! און דאס זענען געווען הערליכע נעמען - אזעלכע נעמען וואס האבן אויסגעדריקט ליבשאפט צום באשעפער און שטאלץ מיט אונזער פאלק. זיי האבן זיך נישט נאר געמאכט ווי זיי זענען שטאלץ, זיי זענען באמת געווען שטאלץ.

דאס קליין פאסטוראלע פאלק, פאסטוכער וואס האבן בגשמיות גארנישט פארמאגט זיך צו קענען פארגלייכן צו די מאטריאליסטישע פארגעשריטנקייט פון די מצריים, דאך זענען זיי נישט געווארן איבערגעוועלטיגט פון זיי. זיי זענען נישט געפאלן און זיך געבוקט צו דער מצרי׳שער קאלטור. ניין - זיי האבן ליב געהאט זייער אייגענע. זיי זענען געבליבן אפגעהיטן צוויי הונדערט און צען יאר! דאס איז א נצחון, א דערגרייכונג אן קיין פארגלייך אין קיין שום ארט און צייט!

## דערנידערונג צוליב דעם נאמען

**זעען** מיר אז די אידן זענען געווען שטאלץ מיט זייער אידענטיטעט און זיי האבן זיך געהאלטן פעסט.

מיינט נישט אז עס איז געווען לייכט. טראגנדיג א אידישער נאמען, באדייט אז דער מצרי׳שער הערשער וועט אפלאכן, "יצחק? הע, הע, יצחק." עס הערט זיך אזוי מאדנע אין די מצרי׳שע אויערן דער נאמען יצחק. אויב רופט מען זיך עפעס אנדערש; למשל 'ממרי', מילא, אבער יצחק? עס הערט זיך אזוי אויסלענדיש.

אבער ניין; זיי האבן זיך דוקא געוואלט רופן יצחק. ווען דער מצרי האט אים געפרעגט, "וואס איז דיין נאמען?" האט ער געזאגט, "יצחק." "יצחק, הא, הא, הא," האט דער מצרי געלאכט פון אים. ער האט אים דערנידערט. אבער דאך, ער איז געבליבן מיט יצחק. ער האט נישט געטוישט זיין נאמען. דאס איז געווען א געוואלדיגע זאך פון אונזערע עלטערן.

## א ציל ברעט פון חוזק

**אנדערע** דעות לייגן צו, שלא שינו את מלבושם, זיי האבן אויך נישט געטוישט זייערע קליידונג. עס זענען דא ראיות דערויף אין די פסוקים. דאס איז אויך נישט געווען גרינג. וואספארא סארט קליידונג קען א קנעכט טראגן? ער האט נישט געקענט באשטעלן אייגענע, מען האט גענוצט דאס וואס מ׳האט באקומען פון דעם האר. אבער זיי האבן נישט געוואלט אנטון זייער האר׳ס קליידונג. אפילו ווען יא, האבן זיי עס צוגעשניטן און איבערגעארבעט אז עס זאל אויסזען ווי אידישע מלבושים.

מיר דארפן זיך פראבירן פארשטעלן וואס אונזערע עלטערן האבן געליטן נאר דערפאר וואס זיי האבן זיך אנגעשטרענגט מיט אלע מעגליכקייטן זיך צו האלטן פעסט קעגן אסימילירונג מיט די גויים און זענען געגאנגען אויף אזוי ווייט זיך צו קליידן אזוי אז עס האט זיי באצייכנט אלס בני ישראל, ווערנדיג אטאמאטיש א ציל ברעט פאר חוזק און פייניגונג. שטעלט זיך פאר א איד דארף ארויסגיין בייננאכט עפעס ערלעדיגן, ווי צום ביישפיל פארשאפן האלץ צו מאכן א פייער. איז ער ארויס אויפ׳ן גאס און א גוי׳ישער שגץ זעט אים. פונדערווייטנס האט מען שוין געקענט דערקענען אז ער איז א איד. דאן האט אים דער שגץ זיכער נישט געגעבן צו לעקן האניג. ער איז זיכער געווען אין א סכנה.

און דאס האט אנגעהאלטן א לאנגע צייט. עס האט געפאדערט אסאך הארעוואניע אין דעם. אויב מען וואוינט אין א לאנד וואס איז א וועלטסמאכט, רייך, מעכטיג און פארגעשריטן, און מען איז פארשקלאפט אונטער זיי, איז עס דער שטייגער פון קנעכט צו נאכמאכן זייערע הערן. דאס איז דער מענטשליכער נאטור זיך צו צושטעלן צום האר, צו ווערן געפינען חן אין זיינע אויגן. אבער דאס אידישע פאלק האט דאס נישט געטון.

## נישט יעדער איז ארויס פון מצרים

**דאס** לעבן אין מצרים איז געווען זייער געפארפול פאר דאס אידישע פאלק. עס איז א שווערער געראנגל נישט צו ווערן באאיינפלוסט פון דער קאלטור פון ארום. די אידן האבן נאכאנאנד זיך געדארפט שלאגן קעגן די השפעה פון די מצריים, עס איז געווען זייער, זייער שווער. פיל זענען טאקע פארלוירן געגאנגען ווייל זיי זענען געפאלן קרבנות צו די דרויסנדיגע השפעות. נישט יעדער איז ארויסגעגאנגען פון מצרים.

עס זענען דא פארשידענע אויסדריקן אין די פסוקים פון וואו מ׳לערנט ארויס אז א גרויסער צאל אידן זענען נישט ארויסגעגאנגען פון מצרים. צום ביישפיל, וַחֲמֻשִׁים עָלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם - א פינפטל פון די אידישע קינדער זענען ארויס פון לאנד מצרים (שמות יג:יח). שרעקליך! פיר פינפטלער פון די אידן זענען פארלוירן געגאנגען פון די השפעות פון דער קאלטור און אנשויאונגען פון די מצריים! און

עס ווערן געברענגט נאך פיל הארבערע אויסדריקן וואס איך וועל דא נישט איבערזאגן, עס איז שווער צו דערהערן אזעלכע רייד.

די וואס זענען נישט אויסגעלייזט געווארן זענען נישט געווען אזוי זינדיג ווי מיר מיינען, אבער אין א געוויסן הינזיכט האבן זיי שלום געמאכט מיט די סביבה און זענען געווען מער נאכגעלאזט אין דער ענין פון נאכמאכן זייערע הערן. מעגליך אז זיי האבן גערעדט אינדערהיים עטליכע ווערטער פון מצרי׳ש, קען זיין זייער אויסזען האט געענדלט צו די מצריים און אפשר האבן זיי געגעבן געוויסע מצרי׳שע נעמען, מיר ווייסן נישט פונקטליך. אבער דאס איז זיכער אז די גוטע וועלכע האבן זיך געהאלטן שטארק צו אנהאלטן זייער אידענטיטעט אלס בני ישראל, די קינדער פון די אבות, זיי זענען די וועלכע האבן געוואלט זיין גייסטיש פריי פון מצרים, זיי זענען די וועלכע דער באשעפער האט אויסדערוועלט און זיי זענען ארויס צו א גענצליכע פרייהייט.

## די שלימות׳דיגע גאולה

**דאס** איז וואס מיר האבן גערעדט אין אנהייב. ווען פרעה איז געקומען צו לויפן און געשריגן, "גייט ארויס פון מיין לאנד!" איז דאס זיכער געווען א בחינה פון א גאולה ווייל די אידן זענען מער נישט געווען פארשקלאפט. זיי האבן יעצט באקומען די אפיציעלע ווארט אז זיי זענען פריי צו גיין. אבער דאך, עס איז נאכנישט געווען א שלימות׳דיגע גאולה ווייל זיי זענען נאך געווען אין מצרים ביז אינדערפרי. און ווילאנג זיי לעבן נאך אין מצרים - אפילו זיי פראבירן מיט זייער גאנצער כח צו שטיין קעגן די השפעה פון מצרים - זענען זיי נאך צווישן זיי מיט א געוויסע מאס פון קנעכטשאפט.

נאר אינדערפרי, ווען זיי האבן ארויסמארשירט פון מצרים ביד רמה, מיט א שטארקער האנט, און זיי האבן געטראכט, ׳מיר האבן געענדיגט מיט מצרים!׳ דאס איז געווען די אמת׳ע גאולה. זיי זענען ארויסגעגאנגען פון צווישן אלע גוים און פון יעצט און ווייטער וועלן זיי זיין גענצליך פאר זיך, אין מדבר. אצינד זענען זיי אינגאנצן אויסגעלייזט - דאס איז געווען א גאולה מעלייתא, א גאנצע גאולה.

פולע פרייהייט פאר די אידן האט באדייט אז זיי זענען פטור געווארן פון די אונטערדריקונג איבער זיי און זיי האבן מער נישט געהאט קיין שום פארבינדונג מיט קיין שום גוי; סיי אין מדבר און אויך שפעטער אין ארץ ישראל. דאס הייסט א גאולה מעלייתא, א שלימות׳דיגע גאולה - צו אפהאקן גענצליך מיט די גוים.

## די זכות צו גאולה

**ווען** דער באשעפער האט ארויסגעקוקט אויף דאס אידישע פאלק אין מצרים וואס האט ער געזען? ער האט געזען א פאלק וואס שטרעבט צו זיין גייסטיש פריי. טראץ וואס פיזיש זענען זיי געווען פארשקלאפט, אבער זיי האבן פראבירט אז זייער מח זאל נישט ווערן פארקנעכטעט. זיי האבן געוואלט באפרייען זייער מח פון גייסטישע קנעכטשאפט צו די גוי׳ישע וועגן און אנשויאונגען. דאן האט דער באשעפער געזאגט, "ווייל די מענטשן שטרעבן פאר די גאולה, פאר פרייהייט צו קענען בלייבן בני ישראל, פרייהייט צו פארזעצן אין די וועגן פון זייערע עלטערן וועלכע האבן מיר געדינט, אויב אזוי, האב איך א כלל: בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, אין א וועג וואס א מענטש וועלט אויס צו גיין, וועל איך אים פירן. און דערפאר וועל איך זיי ארויסנעמען פון מצרים."

די גאולה איז געווען צוליב דעם זכות. דאגעגן אויב זיי וואלטן זיך צוגעשטעלט צו די וועגן פון די מצריים, דאן ״אִילּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה נִגְאָל״, זיי וואלטן נישט אויסגעלייזט געווארן.

עס איז געווען אזוי לייכט צו דורכפאלן און אויסזען ווי א נישט-איד, אבער זיי האבן זיך נישט נאכגעלאזט. עס איז געווען א סכנה, זייער זייער שווער זיך צו שלאגן און שטיין פעסט, און דאך האט דאס אידישע פאלק מצליח געווען צו בלייבן מיט זייער אידענטיטעט, אזוי ווייט אז דער באשעפער האט געזאגט, ״ הבא לטהר מסייעין אותו״, די וואס קומען זיך רייניגן, העלפט מען זיי. דערפאר האבן זיי זוכה געווען צו א גאולה מעלייתא, א גאנצע גאולה.

## גאולה איז א געלעגנהייט

**אצינד**, ווען זיי זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, איז דאס נישט בלויז געווען א באלוינונג פאר זייער שטאנדהאפטיגקייט - עס איז געווען א גלענצנדע געלעגנהייט צו האבן פולקאמע פרייהייט פון אלע פעלקער פון די וועלט! אין יענע טעג זענען נישט געווען קיין צייטונגען, ראדיא און אנדערע נייעס באריכט מיטלען. עס איז אינגאנצן נישט געווען קיין פארבינדונג צו די דרויסנדיגע וועלט!

אפילו מסחר איז געווען באגרעניצט. יוסיפון שרייבט אין קדמוניות היהודים - זיין ספר אויף היסטאריע מיט דאס אידישע פאלק - אז די גריכן האבן זיי זיך אויסגעדריקט אויף די אידן אז זיי זענען נייע מענטשן; דאס אידישע פאלק זענען פריש אנגעקומענע אויף די ארענע וואס האט נאר לעצטנס ארויסגעשפראצט פון ערגעץ נישט. פארוואס האבן זיי געמיינט אז מיר זענען נייע מענטשן? ווייל אין די אלטע באריכטן פון די גריכן ווערט אינגאנצן נישט דערמאנט דאס אידישע פאלק. דערפאר האבן זיי גע׳טענה׳ט אז די אידן זענען עפעס א נייע אנטוויקלטע פאלק וואס האבן

אין די אמאליגע צייטן, ווי אזוי האט א פאלק פארשפרייט איר נאמען? אויף צוויי אופנים - דורך מלחמה און דורך האנדל. געוויסע פעלקער זענען געווען פארנומען מיט שלאכטן צו איינגעמען אנדערע לענדער און פארכאפן זייערע טעריטאריעס, אזוי זענען זיי באקאנט געווארן אין די וועלט.

ווי אזוי זענען די רוימער באוואוסט געווארן? נישט צוליב דער רוימענישער קאלטור, זיי האבן נישט פארשפרייט קיין וויסנשאפט וואס זיי אליין האבן נישט פארמאגט, נאר דורכדעם וואס זיי

דאגעגן דער נאמען פון די כנענים פון צור איז באקאנט געווארן דורך זייערע האנדלס שיפן. זיי זענען אריבערגעשוואומען דורך אלע וואסערן און געטון פיל מסחר. דערפאר האט יעדער געוואוסט פון כנען - אפילו די פארצייטישע יוונים.

## אן אפגעזונדערטע עקזיסטענץ

**אבער** דאס אידישע פאלק, וועלכע האבן גראדע געוואוינט גאנץ נאנט צו די כנענים, פון זיי האט מען נישט געוואוסט. דאס איז געווען ווייל עס האט זיי נישט אינטערעסירט ארויסצוגיין פון ארץ ישראל. זיי האבן נישט געזוכט ארומצווייזן. זיי האבן נישט געהאט קיין אינטערעסע אין האנדלען און פירן מלחמות, ווייל זיי האבן זיך נישט געוואלט אויסמישן מיט די אומות העולם.

א איד האט סייווי נישט געקענט לעבן צווישן די גויים. זיי האבן געדארפט עסן כשר׳ס און היטן שבת. זייערע זעגל שיפן זענען נאר געשוואומען לענגאויס זייערע אייגענע בארטנס, זיי זענען נישט געפארן צו ווייטע לענדער. נאר שפעטער, אין די צייטן פון שלמה המלך, האבן אידן אנגעהויבן ארומצווייזן -

און דאס האט טאקע גורם געווען אסאך פראבלעמען. אבער אין די פריערדיגע צייטן האבן אידן נישט געהאנדלט מיט ווייטע לענדער. און איינגעמען טעריטאריעס זיכער נישט. אויב קיינער האט זיי נישט געטשעפעט האבן זיי נישט געהאט קיין אינטערעסן צו שעדיגן קיינעם. און אזוי טוט יוסיפון ערקלערן פארוואס די פערצייטישע גריכן האבן נישט געקענט די אידן.

אזוי האבן אונזערע עלטערן געלעבט אפגעזונדערט און איזאלירט. דאס איז די געוואונטשנסטע סארט עקזיסטענץ פאר אידן. דערפאר, בלעם, ווען ער האט דאס געזען באטראכטנדיג דאס אידישע פאלק אין מדבר - איז ער געווארן איבערגענומען דערפון און עס איז געקומען צו אים א נבואה פון באשעפער (במדבר כג:ט): הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן - אט דאס איז א פאלק וואס רוהט אפגעזונדערט! דאס איז די גרויסקייט פון אונזער פאלק; דאס איז אונזער לויב - מיר רוען אליין.

## דער גנב אין וויליאמסבורג

**איך** האב אמאל געליינט אן ארטיקל - איינער האט מיר געוויזן אן אויסשניט פון א צייטונג. א געוויסער פאטריקאנער שגץ האט פראבירט צו מאכן א גניבה אין וויליאמסבורג. די קלוגע וויליאמסבורגער אידן האבן נישט גערופן פאליציי - זיי האבן זיך אליין אן עצה געגעבן מיט אים און ער איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל. פאר דעם צייטונג שרייבער איז אבער נישט געפעלן דער געדאנק אז פרומע אידן זאלן אזוי מצליח זיין זיך צו שלאגן קעגן פארברעכנס. די גאנצע וועלט ליידט פון פארברעכנס און דא אין וויליאמסבורג געבן זיי זיך אליין אן עצה דערמיט! האט ער געשריבן אז דער אקט שמעקט מיט גרעניץ רעכטן קריגערייען. האט א געוויסער פאטריקאנישער גלח רעאגירט, "ניין, מיר טוען נישט אזעלכע סארט זאכן...

דער שרייבער האט דארט קריטיקירט די וויליאמסבורגער אידן אז זיי לעבן פאר זיך. זיי האבן נישט קיין געשעפטן מיט קיינעם. אזוי האט ער געשריבן: "זיי מישן זיך אינגאנצן נישט אויס. זיי בלייבן אפגעזונדערט פון אונז." דאס האט געדארפט צו זיין א באשולדיגונג. וואס ער האט נישט געוואוסט, אז זיינע ווערטער זענען געווען א גרויסער שבח אויף דאס אידישע פאלק. דאס איז א גרויסקייט. מיר זענען שטאלץ מיט אזעלכע קריטיק! אזוי זענען אויך אונזערע עלטערן געווען שטאלץ צו לעבן אפגעזונדערט.

## דער טעם פאר גלות

**די** גמרא (פסחים קיח:) זאגט, "פיזר עמים - פארוואס האט דער באשעפער צעשפרייט די אידן צווישן די פעלקער? קרבות יחפצון - ווייל זיי האבן געוואלט זיין נאנט צו זיי" (תהלים סח:לא). מיר זעען ווי שוין זייענדיג טיף אין גלות זענען אידן נאכמער צעשפרייט געווארן, ווען זיי האבן זיך דערנענטערט צו די גוי'ישע פעלקער. ווען די אידן האבן געוואוינט אין פוילן אין די יארן צווישן די ערשטע וועלט מלחמה און די צווייטע וועלט מלחמה, האבן זיי ארויסגעקוקט צו בערלין. עס האט זיי אויסגעזען ווי דארט איז דער ארט וואו מען קען באמת לעבן, און פיל זענען טאקע אהין געגאנגען. זיי האבן געקוקט צו פאריז. טייל זענען געגאנגען צו דרום אפריקע. וואו זיי האבן נאר געקענט זענען זיי געלאפן, נאר נישט צווישן אידן. און דערפאר האט דער באשעפער געזאגט, "אויב איר שעצט נישט דעם פאקט אז איר לעבט אין א בלויז-אידישע געזעלשאפט, אין גענצליך-אידישע שטעטלעך וואו איר קענט אין א גרויסן מאס פארמיידן א גייסטישע פארקנעכטונג צו די גויים, דאן וועל איך אייך צעשפרייטן. איר וועט פארלירן די גלענצנדע געלעגנהייט."

און דאס וואס מיר האבן פארלוירן אין אייראפע איז געווען א ריזיגער פארלוסט. דאס אידישע קליינע שטעטל אדער אפילו די אידישע גרויסע שטאט איז געווען מיט אזא אייגנארטיגער אויסשטעל. איך האב זוכה געווען דאס צו זען. עס איז געווען אן אמת׳ע אידישע שטעטל. די גאנצע אטמאספער, די לופט וואס איז דארט געאטעמט געווארן, איז געווען אידיש. פארשטייט זיך, ווען איך האב דאס שוין געזען, האבן שוין נישט אלע אידן געשטרעבט צו פארבלייבן דארט. זיי האבן פראבירט צו אנטלויפן אויף אלע ריכטונגען.

## די גלארררייכע געטא

**איך** וועל אייך אביסל דערציילן פון די קליינע אידישע שטעטלעך. איך האב אמאל געמאכט א שפאציר פון פינף טעג מיט נאך א ישיבה בחור. מיר האבן געשפאנט אויף א שאסיי - עס איז געווען א שמוציגע שאסיי פון מיילן און מיילן לאנג. ענדליך האבן מיר געזען א בענדל, א ווייער דורכלויפן די שאסיי. אן ערוב. מיר האבן זיך דערנענטערט צו א אידישע שטעטל. דארט האט זיך אנגעהויבן אן אויסגעפלאסטערטער וועג. אין יענע שטעטל זענען אלע געווען אידן, בלויז אידן. אלע געשעפטן זענען געווען אידיש.

וואו זענען געווען די גויים? די גויים זענען געווען די מערהייט אין דעם געגנט, אבער אזוי ווי זיי זענען געווען פארמערס, האבן זיי געוואוינט אינדרויסן פון שטעטל. די אידן האבן געפירט מסחר און דורך די וואך זענען די גויים אריינגעקומען און געקויפט זייערע געברויכן פון די אידישע געשעפטן. עס זענען געווען אידישע גאסן, א בית המדרש, א בית הכנסת און א קלויז. נישט צו ווייט פון דארט איז געווען א אידישער בית החיים, דאס שחיטה שטיבל און א מקוה. אלעס וואס מען דארף צו האבן אין א אידישע שטעטל.

אין פוילן און אין ליטא האבן די אידן גערעדט בלויז אידיש. זיי האבן געלעבט פאר זיך.

די צרות האבן זיך אנגעהויבן ווען זיי האבן פארלוירן די שעצונג צו דער פארמאכטער אידישער קאלטור און זיי האבן אנגעהויבן צו קוקן אינדרויסן פון די שטעטלעך. זייערע געדאנקען זענען געלאפן צו ווייטע ערטער. זיי האבן געוואלט עמיגרירן. מען קען זיי נישט אינגאנצן באשולדיגן, זיי האבן געליטן פון גרויס ארעמקייט; עס זענען געווען ווייניג מעגליכקייטן פאר פרנסה אין די קליינע שטעטלעך. אבער דאך, עס איז געווען א סארט לעבן וואס מ׳האט נישט געקענט געפונען ערגעץ אנדערש. דארט האט מען געקענט לעבן א גאנץ לעבן אלס א איד; גארנישט מער, נאר א איד! אבער ווייל קרבות יחפצון, זיי האבן געגלוסט צו זיין צווישן די גויים - זיי האבן געקוקט מיט גלוסטעניש צו בערלין און זיי האבן גע׳חלומ׳ט פון זיין אין ווין. זיי האבן געטראכט פון די גליקן פון פאריז און אפשר פון לאנדאן, האט דער באשעפער געזאגט, "אויב איר שעצט נישט די גרויסע מתנה פון א אידישע שטעטל דאן וועט איר עס פארלירן. פיזר עמים, פארוואס דארף איך אייך אויסשפרייטן אין אמעריקע און אין ענגלאנד און אין דרום אפריקע און אסטראליע? ווייל קרבות יחפצון; דאס איז וואס דו גלוסט. דו ווילסט זיין נאנט צו די גויים."

## אידישע שטעטלעך

**איך** האף אז מען האט דאס נישט פארלוירן אויף אייביג. איך האף אז די אידן וועלן האבן דעם שכל צו צוריק אויפשטעלן אידישע שטעטלעך און לעבן אפגעזונדערט פון די גויים ביז עס וועט קומען די צייט גיין קיין ארץ ישראל בימות המשיח. עס איז געווען אזא געוואלדיגע זאך. עס איז געווען גאר א גרויסער פארדינסט. מען האט נישט געדארפט זארגן אויף פרעמדע השפעות אויף די קינדער; אין די

אידישע שטעטלעך האבן זיי גארנישט געזען נאר אידישקייט. אויף די גאסן איז גארנישט געווען, בלויז יראת שמים.

אין מיינע טעג שוין נישט אינגאנצן אזוי. ווען איך בין געפארן קיין אייראפע, האט עס שוין אויסגעזען אנדערש. אבער אין די פריערדיגע יארן, בערך פופציג יאר פאר די ערשטע וועלט מלחמה, האט יעדער איד אין שטעטל געהאט א כשר׳ע היים. זיי פלעגן זאגן, ״אויב זיין נאמען איז מענדל, קענסטו עסן פון זיין פענדל.״ יעדער איד האט זיך גערופן מיט א אידישער נאמען. אין אונגארן נישט. דארט זענען די אידן יא נכשל געווארן מיט׳ן זיך טוישן די נעמען, אבער אין פוילן, ליטא און אלט רוסלאנד, האבן די אידן נאר געהאט אידישע נעמען. קיין איין איד האט זיך נישט גערופן, צום ביישפיל, איגנאץ.

ווי געוואלדיג איז דאס געווען!

## וואַרטן אויף די גאולה

**טראָץ** דעם אלעם האבן די אידן נישט ווייניג געליטן פון די גוים, זיי האבן נישט געהאט פולע רעכטן אלס בירגער. אבער דאך איז פאר פיל פון זיי ווערד געווען צו פארבלייבן אין זייער וואוינארט צוליב דעם וואס זיי האבן געלעבט אזוי אפגעזונדערט. זיי האבן פארשטאנען די חשיבות דערפון.

אבער ווייל קרבות יחפצון, אזויפיל אידן האבן יא געזוכט צו ווערן נאנט צו די גוים - צווישן די גוים וואס פירן זיך מענטשליך צו זיי, ציוויליזירטע גוים, וואו זיי וועלן געניסן פון גלייכבארעכטיגונג און געניסן פון א לעבן מיט מער לוקסוס, איז געווען פיזר עמים, דער באשעפער האט זיי צעשפרייט צווישן די אומות העולם. און דאס איז געווען דער גרעסטער פארלוסט וואס קען נאר זיין, דער פארלוסט פון דאס אידישע שטעטל.

ביי יעדן איד, אפילו אן ערליכער איד וואס האלט זיך שטארק קעגן פרעמדע ווינטן, איז שטענדיג דא עפעס א טייל פונעם מח וואס ווערט פארלוירן צווישן די גוים. אין א געוויסן זין ווערט יעדער באאיינפלוסט פון די גוים צווישן וועמען מען לעבט. דאס איז טאקע פארוואס מיר קוקן שוין אזוי ארויס משיח זאל שוין קומען; דאס איז די גאולה אויף וואס מירווארטן - צו ווערן ארויסגענומען פון די גוי׳ישע לענדער און געראטעוועט ווערן פון קנעכטשאפט צו אלע גוי׳ישע השפעות וואס נעמען אונז ארום פון אלע זייטן.

## פארוואס מיר ווארטן אויף משיח

**דער** רמב״ם אין הלכות תשובה ברענגט: ״פארוואס ווארטן מיר משיח זאל שוין קומען?״ פארשטייט זיך אז מ׳רעדט דא פון די אידן וואס ווארטן טאקע, די וואס דאווענען מיט כוונה און בעטן נאכאנאנד: וְהָשֵׁב אֶת הָעֲבוֹדָה לִדְבִיר בֵּיתֶךָ.

מיר זענען מתפלל, אֶת צֶמַח דָּוִד עַבְדְּךָ מְהֵרָה תַצְמִיחַ - מיר בעטן אז משיח זאל זיך באווייזן און אונז אויסלייזן. דאס ליגט אלעמאל אין קאפ פון ערליכע אידן. זאגט דער רמב״ם: ״פארוואס ווארטן מיר אזוי שטארק אויף די טעג פון משיח?״

לאמיר צונעמען די שאלה. וואס איז טאקע די סיבה צו אונזער ווארטעניש? וועט איר זאגן, ״עס איז א מצוה צו ווארטן אויף משיח.״ זייער גוט - דאס איז א גוטע סיבה. אבער עס מוז זיין אז עס איז אויך דא א טעם צו די מצוה. פארוואס זאלן מיר דארפן ווארטן אויף דעם?

אנדערע ווען זאגן אז זיי ווארטן צוליב די שכינה, "כבוד שמים! די שכינה איז אין גלות. עס איז נישט קיין כבוד פאר'ן באשעפער צו זיין אין גלות. פאר'ן כבוד פון באשעפער דארפן מיר אלע זיין צוזאמען און אים דינען אין בית המקדש אלס א פאראייניגטע פאלק."

דאס איז אלעס זייער ריכטיג, אבער לאמיר זען וואס דער רמב"ם ענטפערט אויף זיין שאלה: מיר ווילן משיח זאל קומען כדי מיר זאלן באפרייט ווערן פון די קנעכטשאפט פון די פעלקער. ווען מיר זענען צווישן די גוים זענען מיר באגרעניצט אין אונזערע מעגליכקייטן; מיר ווילן זיין באפרייט פון די אומות העולם ווייל אין א גרויסן מאס קענען מיר נישט פירן קיין ריכטיגע תורה'דיגע לעבן ווען מיר לעבן צווישן גוים.

איר הערט צוליב וואס מיר ווארטן אויף משיח? ווייל מיר ווילן אז אונזער לעבן, אונזערע געדאנקען, זאלן זיין פריי צו דינען הקדוש ברוך הוא.

## סעקולער עדיוקעשאן

**איך** וועל געבן א ביישפיל: היינט איז דא א גזירת המלכות אז מ'דארף געבן פאר די קינדער א סעקולער עדיוקעשאן. ביי מאדערניזירטע אידן איז דאס גאר פארשטענדליך, פארוואס דען נישט?

אבער לויט די אידישע השקפה דארף א קינד מקדיש זיין זיין גאנצער טאג פאר תורה! תורה איז א גרויסע פליכט וואס פאדערט צו שפענדן דערויף א גאנץ לעבן. אין די אמאליגע טעג איז א אידישער חדר אנגעגאנגען יעדן טאג פון יאר. עס איז נישט געווען קיין זומער וואקאציע. די קינדער זענען געקומען פרי און געבליבן ביז שפעט אין הויז פון זייער רבי. א גאנצער לאנגער טאג האבן זיי געהארעוועט אין תורה - קליינע קינדער! אין אלע בתי מדרשים זענען מענטשן געזעסן און געלערנט. שולן זענען געווען פול. עס זענען געווען פיל יונגע מענער, כולל יונגעלייט, וועלכע זענען געשטיצט געווארן דורך זייערע עלטערן אדער שוויגער עלטערן און זענען געזעסן און געלערנט א גאנצן טאג - איבעראל. היינט קענען מיר זיך אפילו נישט פארשטעלן ווי אזוי דאס אידישע פאלק האט אמאל אויסגעזען. היינט זענען מיר געצוואונגען צו אוועקגעבן טייל פון די צייט צו לערנען לימודי חול און דערפאר, ווי דער רמב"ם זאגט, ווארטן מיר אז משיח זאל קומען און אונז באפרייען.

## נאציאנאלע שטייערן

**נאך** א ביישפיל: ווען משיח וועט קומען, וועט מער נישט זיין קיין נאציאנאלע שטייערן. די שטייערן רייסן אראפ א פערטל פון אונזערע פארדינסטן. אין א יאר פון צוועלף חדשים, ארבעטן מיר דריי חדשים פאר די רעגירונג. אזויפיל פון אונזער צייט ווערט פארשוועדנדט צו שטיצן די רעגירונגס פראגראמען. שטעלט זיך פאר אויב איר קענט אויסניצן אט די דריי חדשים צו זיין פריי פון די ארבעט און לערנען תורה א גאנצן טאג. וואלט דאס נישט געווען א געוואלדיגע זאך? דאס גאנצע אידישע פאלק וואלט זיך צוזאמענגעקומען אין בית המדרש פאר דריי חדשים צו לערנען.

אבער לאמיר זיך נישט נארן, מענטשן וואלטן געטראפן אנדערע סארט פארוויילונגען וואו צו פארברענגען. מ'וואלט געגאנגען זען שפילן, מ'וואלט געגאנגען אויף וואקאציע אדער צו פארשידענע סארט אונטערהאלטונגען. פאר מערסטנס אידן היינט איז א ברכה אז זיי דארפן ארבעטן און צאלן שטייערן. עס האלט זיי אפ פון זינדיגן ווייל זיי זענען נאכנישט גרייט פאר משיח.

אבער ווען משיח וועט קומען וועט ער אויסרופן, "קומט אהיים, מיינע קינדער, און לאמיר גיין אין בית המדרש." פאר געוויסע מענטשן וועט נישט אזוי געפעלן דאס צו הערן. "נישט דאס איז אויף וואס מיר ווארטן." דאס איז צוליב דעם ווייל אפילו מיר וועלן ווערן באפרייט פון שעבוד מלכיות, וועלן מיר נאך אלס זיין גייסטיש פארשקלאפט צו די גוי'ישע אנשויאונגען.

אלזא קומען מיר יעצט צוריק צו אונזער נושא, צו פארשטיין אז אפילו מען ווערט באפרייט פון סיי וועלכער שעבוד צו די גויים, אפילו אויב עס איז אינגאנצן נישטא קיין בית עבדים, איז דאס נאר די גאולה וואס איז געווען פסח ביינאכט. פרעה האט אויסגערופן, "איר זענט פריי! נישטא מער קיין קנעכטשאפט!" אבער דאס איז נישט גענוג, ווייל עס פעלט עפעס מער ווי דאס, פיל מער ווי דאס. וואס איז דער שעבוד מלכיות, די קנעכטשאפט צו די גויים, וואס איז אונז גורם די מערסטע פראבלעמען? דער פאקט אז עס זענען דא גויים ארום אונז. מיר זענען באַרינגלט! און יעדער גוי קומט מיט זיין גוי'ישע קאפ. א גוי ברענגט אלעמאל מיט זיך זיין גוי'ישער מהות.

## וואס האט אמאל געפעלט פאר די אידן?

**דערפאר**, אפילו אין די אמאליגע צייטן ווען די אידן האבן זיך געפירט ווי אמת'ע אידן, ווען זיי האבן געלעבט ריכטיגע תורה'דיגע לעבנס, האבן זיי אויך געווארט אויף משיח. צום ביישפיל אין רוסלאנד פון אמאל, צוויי הונדערט יאר צוריק, וואו יעדע אידישע שטעטל איז געפירט געווארן דורך אידן, דער שול, דער בית המדרש, די אידישע גאס, איז געווען זייער דערהויבן אין יעדע אידישע שטעטל. אידן האבן גערעדט בלויז אידיש, און געלעבט אן עכט אידיש לעבן. איז וואס האט געפעלט אז זיי האבן געדארפט משיח זאל קומען אז ער זאל צושטעלן פאר זיי?

דער ענטפער איז אז עס איז נאך אלץ געווען א גלות ווייל אויף אלע זייטן זענען זיי געווען ארומגענומען מיט גוי'ישע השפעות. און אפילו זיי האבן פראבירט די בעסטע און טאקע שטארק מצליח געווען צו אפהאלטן די השפעה פון די סביבה, פונדעסטוועגן האט עס דאך עפעס באאיינפלוסט די אידן.

מיר לעבן אין א פארפלייצונג פון גויים און מיר דערטרינקען זיך אין זייער השפעה! און צו האלטן אונזער אידישע קאפ העכער די וואסער, נישט צו איינזינקען, נישט צו ווערן פארגוי'ישט, איז זייער א שווערע אויפגאבע. כמעט אלע פון אונז דערטרינקען זיך. עס איז נישט געשמאק צו זאגן, אבער מיר דערטרינקען זיך.

די גויים זענען אונזער גרעסטער פראבלעם. אויב מיר וועלן אנאליזירן יעדן אידיש אינגל וואס מוטשעט זיך מיט פראבלעמען, וועלן מיר זען אז דאס אלעס זענען גוי'ישע פראבלעמען. יעדע אידישע פאמיליע ליידט פון גוי'ישע השפעות. מיר רעדן זייער שפראך, מיר קליידן זיך עטוואס לויט זיי און אויב מיר טראכטן ווי זיי, טראכטן מיר פארקערט פון די תורה.

דאס איז די עיקר גאולה אויף וואס מיר ווארטן; די געלעגנהייט צו זיין פריי אפילו פון די מינדעסטע השפעה פון די אומות העולם.

## זיך אומקערן אהיים

**דאס** אידישע פאלק איז אלעמאל געווען ווי א קליינער אינזל פון ארנטליכקייט ארומגענומען מיט א ריזיגער ים פון שמוץ און פארדארבנקייט. אלעמאל! אונזער גרעסטער נסיון איז שטענדיג געווען,

און וועט שטענדיג זיין, אז בשעת די כוואליעס פון דעם ים באפלייצן דעם בארטן, ווען זיי שטראמען און שטורעמען; וועלן זיי אונז אויך באנעצן? אדער וועלן מיר אנהאלטן אונזער לויטערקייט טראץ די איבערוועלטיגנדע מאס פון מאכט וואס עס פארמאגן די וואס שטייען אויף קעגן אונזערע תורה השקפות. דאס איז אונזער גרעסטער נסיון אז מיר זאלן ווערד זיין צו די גאולה. צי וועט איר ווערן באאיינפלוסט פון די מערהייט? צי וועט איר זיך דערטרינקען אין זייער קאלטור און ווערן אנגעשטעקט דערמיט? צי וועט איר גיין לערנען זייערע לימודים און ווערן ווי איינער פון זיי?

אדער וועט איר זיך צוריקשלאגן און זיך צוריקציען פון זיי; צו בלייבן אפגעטיילט און אפגעזונדערט פון זיי און ווערן מער און מער אפגעהאלטן פון די גוי׳ישע השפעות און ווערן מער און מער א טייל פון די אידישע סביבה.

די וואס שטארקן זיך און שיידן זיך אפ פון די גויים, זענען די מענטשן וואס ערפילן זייער תפקיד אויף די וועלט, ווייל דאס איז די ריכטיגע גאולה - צו אויסלייזן די נשמה און די געדאנקען פון די גוי׳ישע וועלט.

דער איד וואס פארשטייט דעם יסוד, ער ווייסט אז איינע פון זיינע וויכטיגסטע פליכטן אין לעבן איז צו אויספירן די געוואלדיגע אויפגאבע פון בלייבן פארבונדן צו דאס אידישע פאלק, די אידישע תורה און צו הקדוש ברוך הוא. און די ערליכע אידן, די אידן וואס שטרעבן צו א גאולה מעלייתא, זיי וועלן זיין די וואס וועלן ארויסגעצויגן ווערן פון גלות ווען עס וועט קומען די צייט פאר די גאולה מעלייתא און די טיר וועט זיך עפענען פאר דאס אידישע פאלק זיך אומצוקערן אהיים. מיר וועלן אנהאלטן אונזער מהות און השקפות פון דאס אידישע פאלק אויף אייביג, ווייל נישט קיין חילוק וואס, וועלן מיר בלייבן געטריי צום באשעפער. און אויף דעם וועט זיין דער מעכטיגער אויסגעשריי פון די גאולה (ישעיהו כו:ב): ״פִּתְחוּ שְׁעָרִים - עפן די טויערן ברייט!״ און ווער וועט אריינקומען? ״וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים - דאס געטרייע פאלק וועט צוריק אויפגענומען ווערן אין די ארעמס פון הקדוש ברוך הוא.״

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת, אדער
ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן**
**חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**

FLYINKOLORS
718.207.7888

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**דער רב האט ערקלערט אז אפילו נאך וויכטיגער פון ווערן באפרייט פון פרעה אינמיטן די נאכט, איז די יציאת מצרים וואס איז פארגעקומען אינדערפרי ווען דאס אידישע פאלק איז ארויס פון מצרים און פארלאזט די גוי"ישע סביבה. אויב אזוי, פארוואס מאכן מיר דעם סדר ביינאכט און נישט אינדערפרי?**

## ענטפער:

**דער** ענטפער איז, אז דער סדר איז די צייט פון עסן דעם קרבן פסח. דאס מקריב זיין דעם קרבן פסח, דער פערצנטער טאג אין חודש ניסן, איז בזמן הבית געווען דער הויכפונקט פונעם חג הפסח. דאס איז א יום טוב פאר זיך וואס קומט פאר דעם חג המצות. דער יום טוב פון פסח מיינט די שחיטה אין דעם פערצנטן טאג פון ניסן און דאס עסן ביינאכט. דאס איז דער יום טוב פסח. מען האט געגעסן דעם קרבן פסח ביינאכט ווייל דאס איז די צייט ווען עס זענען פארגעקומען גרויסע זאכן. די אידן האבן געשמירט די בלוט פון דעם קרבן פסח אויף די שוועלן און דער באשעפער האט דאס געזען און ער האט זיי איבערגעהיפט. דאס האט פאסירט ביינאכט. דער 'פסח' - דער איבערהיפן - דאס איז געווען ביינאכט און אזוי אויך דער סדר, וואס איז ארגינעל אפגעראכטן געווארן מיט דעם קרבן פסח, מאכט מען עס ביינאכט.

אלזא, חג המצות איז אן אנדער זאך. דער געוואלדיגער לימוד וואס מיר לערנען פון די מצות, דאס ווערט נמשך אויף אלע זיבן טעג. און א קלוגער איד וועט זיכער מאכן צו אריינטראכטן אלע טעג און נעכט פון פסח אין די געהויבענע ענינים דערפון און דורכדעם ווערן טראנספארמירט צו א נייער מענטש.

אבער דער גרויסער לימוד פון אונז איבערהיפן - דאס איז געווען ביינאכט. דאס איז געווען א ספעציעלער לימוד וואס מיר האבן געלערנט פסח ביינאכט. די מכות בכורות איז געווען ביינאכט: בכל ארץ מצרים איז געווען א צעקה גדולה, גרויסע געשרייען האבן זיך ארויסגעהערט פון אלע מצרי'שע הייזער. אין יעדן הויז איז געווען טויט און יללות. און מיר זענען געזעסן באשיצט אין אונזערע הייזער עסנדיג דעם קרבן פסח און צוהערנדיג די מצריים אויסשרייען זייער ווייטאג. דער באשעפער האט געמאכט אן עפנטליכער דעקלעראציע אז כאטש וואס אלע פעלקער פון די וועלט וועלן צום סוף פארלירן גיין, וועט אבער דער מלאך המוות שטענדיג איבערהיפן איבער דאס אידישע פאלק. דאס איז וואס דער יום טוב פסח טוט סימבאליזירן - אז מיר וועלן בלייבן אויף אייביג. שטענדיג און אלעמאל וועט הקדוש ברוך הוא קוקן אויף און היטן דאס אידישע פאלק. עס איז געווען א געוואלדיגער איבערלעבעניש אין יענע נאכט און מיר פראבירן דאס ווידעראמאל צו איבערלעבן אין די סדר נאכט.

עס איז געווען א נאכט צום געדענקען! ליל שימורים! וואס באדייט ליל שימורים? שימורים מיינט, דאס צו געדענקען אלעמאל; צו אפהיטן אויף שטענדיג. דאס הייסט אז מיר געדענקען אט די נאכט אויף אייביג און אלעמאל. אודאי איז דער לימוד פון די גאולה בייטאג אויך גאר וויכטיג. אבער זיך צו לערנען צו אנערקענען די ניסים פון באשעפער, איז יענע נאכט געווען באגלייט מיט די עכסטע מעגליכקייטן.

ביים סדר רעדן מיר פון וואס הקדוש ברוך הוא האט געטון פאר אונז אין יענע נאכט, ווען פון איבער'ן גאנצן לאנד מצרים האבן מיר געהערט ווי דער באשעפער נעמט נקמה אין די מצריים. און פרעה איז אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט. דאס איז אויך געווען א נס. אינמיטן די נאכט פאר פרעה ארומצולויפן, זוכנדיג משה און אהרן?! אזעלכע אויסטערלישע זאכן האבן זיך אפגעשפילט אין יענע נאכט. דער באשעפער האט פסח על בתי ישראל; ער האט איבערגעהיפט איבער אונזערע הייזער. און די גרויסע געשעעניש איז געווען א צייכן, א נבואה אויף שפעטער - אז דער מלאך המוות וועט אלעמאל איבערהיפן אונזער פאלק, ווייל מיר זענען דער עם עולם, דאס אייביגע פאלק. און ווייל דאס האט פאסירט ביינאכט, איז דער סדר ביינאכט א געוואלדיגע געלעגנהייט צו רעדן איבער די ענינים און עס געדענקען אלעמאל.

בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש